בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

חג הפסח תשפ"ה

גליון 412

## אמרות שמשון

### רמזים אין די סימני ליל הסדר

***זְרוֹעַ, בֵּיצָה, חֲזֶרֶת, חֲרוֹסֶת.*** מען קען ערקלערן א שיינע טעם פארוואס מען נוצט די פיר סימנים ביי די סדר נאכט. אז עס איז מרמז אויף די צוויי טעמים פארוואס כלל ישראל איז ארויס פון מצרים איידער די צייט.

**דער** ערשטער טעם ווערט געברענגט (סידור האר"י הגש"פ פיסקא 'מצה זו', ש"ך עה"ת שמות יב, יא), כלל ישראל איז ארויס איידער די צייט כדי זיי זאלן נישט פארפאלן ווערן אין די טומאה, ווייל אויב וואלטן זיי פארבליבן אביסל לענגער אין מצרים וואלטן זיי געווארן איינגעזינקן אין נ' שערי טומאה.

**דער** צווייטער טעם פארוואס כלל ישראל איז ארויס איידער די צייט, צוליב די וויי געשריי וואס זיי האבן געבעטן און געדאווענט צום אויבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו (שמות ג, ז - ח) ***רָאֹה רָאִיתִי אֶת עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם וְאֶת צַעֲקָתָם שָׁמַעְתִּי*** וגו' ***וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ מִיַּד מִצְרַיִם*** וגו'.

**דאס** איז מרומז אין די סימנים וואס מען נוצט אינעם ליל הסדר, '**חרוסת**' איז מרמז אויף דאס ווארט 'חס', וואס דאס איז מרמז אויף דער ערשטער טעם, אז 'חס רחמנא' דער אויבערשטער האט געשוינט אויף כלל ישראל זיי זאלן נישט פארפאלן ווערן אין די נ' שערי טומאה. אזוי אויך '**חזרת**' ווערט אנגערופן בלשון חז"ל (פסחים לט.) 'חסא', וואס באדייט די זעלבע, אז דער אויבערשטער האט געשוינט כלל ישראל.

**און** די סימנים '**ביצה**' און '**זרוע**' זענען מרמז אויף דער צווייטער טעם, אזוי ווי עס שטייט אין ט"ז (או"ח סימן תע"ג ס"ק ד') אז ביצה ווערט אנגערופן אויף אראמיש 'ביעא' וואס איז א לשון פון בעא - ווילן, דער אויבערשטער האט אונז געוואלט אויסלייזן מיט א 'זרוע הנטויה', וואס דאס איז געקומען צוליב די געוויין און תפילות וואס כלל ישראל האט געבעטן דער אויבערשטער זאל זיי אויסלייזן פון מצרים. (שיר השירים אות ח' ד"ה ונגד)

פנינים
ופרפראות מתוקים
מתורת זרע שמשון
לכבוד חג הפסח

פסח כשר ושמח

### מיטן דאנקן דעם אויבערשטן ברענגט אראפ השפעות טובות

***וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח*** (הגדה של פסח). מען קען ערקלערן די מעלה פון דער וואס פארמערט צו פארציילן סיפור יציאת מצרים. לויט ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' (ויחי דף רלה.), 'באיתערותא דלתתא איתער איתערותא דלעילא', ווען א מענטש איז זיך מתעורר און טוט עפעס אויף די וועלט, איז דאס מעורר אויף יענע וועלט. דעריבער ווען א מענטש לויבט און דאנקט דער אויבערשטער טוט דאס פארמערן די השפעות און גוט'ס פון אויבן, עס זאל אראפגעקומען שפע אויף די וועלט.

**דעריבער** זאגט דער בעל הגדה: 'וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח', ווייל דערמיט וואס ער פארציילט די טובות און חסדים פונעם אויבערשטן, איז ער מעורר חסדים און השפעות אויף יענע וועלט, און ברענגט צו דער אויבערשטער זאל ווייטער טון ניסים ונפלאות און שיקן השפעות טובות, און אלץ מער מען פארמערט צו פארציילן, פארמערט מען די השפעות זאל אראפקומען אויפן וועלט.

**מיט** דעם קען מען טייטשן דער פסוק אין תהלים (קיח, א) ***הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ***, הודו לה' - דאנקט דער אויבערשטער אויף אלע זיינע חסדים און גוט'ס, ווייל דערמיט וועט מען צוברענגן - כי לעולם חסדו - אז דאס וועט מעורר זיין השפעות, און דער אויבערשטער וועט ווייטער שיקן השפעות טובות. (הגדה של פסח אות ג' ד"ה ולפי)

### צרות פון די אומות העולם איז געוואנדן אין כלל ישראל

***וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ, שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבַד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵינוּ, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵינוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם*** (הגדה של פסח). לכאורה פון די לשון 'שלא אחד בלבד' איז משמע אז נישט נאר איין פאלק (אומה) איז אויפגעשטאנען צו פארלענדן כלל ישראל. אויב אזוי דארף מען פארשטיין דער המשך, וואס שטייט 'שבכל דור ודור', עס וואלט ענדערש געדארפט 'שבכל אומה ואומה' די זעלבע לשון ווי אין אנהייב.

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
האשה החשובה מרת רבקה מירל ב"ר יהושע לרנר ע"ה
נלב"ע י"ח ניסן תש"פ ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו הרה"ח שלום לרנר ובתו חנה אסתר אשקלון

לעילוי נשמת
אברהם בן אליעזר ז"ל
נלב"ע ב' כסלו תשפ"ד ת.נ.צ.ב.ה.

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים התורמים ומשפחותיהם החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

ברכה והצלחה
מרדכי יחיאל בן טובה אסתר
לברכה והצלחה וכל מילי דמיטב

שפע וזש"ק
יצחק בן רחל וזוגתו רינה בת לינדה
להיפקד בזש"ק ולרוב ברכה ושפע

ברכות וישועות
מרדכי בן רחל
שיזכה לזיווג הגון פרנסה טובה ועשירות גדולה ומציאת דירה לקניה במהרה ובריאות איתנה

הצלחה ועושר
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד ובשורות טובות בקרוב ממש

הצלחה מרובה
שאול בן רחל
לשפע וברכה עושר והצלחה גדולה בעסקיו בלי דאגות ולחצים

אן אמת'ע שמחת יו"ט
זייט זוכה צו אן אמת'ע שמחת יו"ט מיטן לערנען די הערליכע תורות פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע אויפן יום טוב פסח

און הגדה של פסח,
וואס איז געדרוקט אינעם ספר 'זרע שמשון' אין די פרשיות
וארא * בא * בשלח.

אזוי אויך די הערליכע
מאמרים און פנינים אויף שיר השירים
וואס מען ליינט אום פסח, און איז געדרוקט אינעם ספר סוף חלק ב'.
דערקוויקט אייער הארץ און נשמה, און זייט זוכה צו די גרויסע הבטחה פון רבינו זי"ע

הודעה חשובה
לכבוד יו"ט פסח איז ארויסגעקומען
א הערליכע קונטרס
ליקוטים און פנינים אויפן יו"ט פסח
צוזאמגענומען פון די ספרים פונעם מחבר זי"ע,
ערמעגליכט געווארן לזכות ידידינו היקר אלעזר בן אסתר צירל להצלחה, ברכה וזיווג הגון בקרוב,
מען קען עס באקומען דורך זיך פארבינדן מיט די מערכת
1-605-313-9610

אזוי אויך קען מען הערן
פארשידענע שיעורים אינעם ספר זרע שמשון אויף יו"ט פסח,
אויף קול זרע שמשון
ארץ ישראל: 02-80-80-400
אמעריקע: 1-605-313-9610
ענגלאנד: 0333-070-6534
א פרייליכן כשר'ן פסח!
די מערכת

**מען** קען ערקלערן, אז צומאל וואלט אויסגעזען אז דאס וואס א געוויסע פאלק פייניגט כלל ישראל איז נישט דוקא ווייל זיי האבן פיינט אידן, נאר עס קומט פון זייער אינערליכע מידת אכזריות וואס זיי האבן בטבע מער פון אנדערע פעלקער.

**אבער** דער אמת איז, אז דאס וואס די אומות העולם פייניגן כלל ישראל, האט צוטון לויט ווי אזוי די אידן פירן זיך אויף, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (יבמות סג.) 'אין פורענות בא לעולם אלא בשביל ישראל' (ועיי"ש עוד סג. ובשבת קלט). אויב אזוי קומט אויס אז עס האט נישט צוטון מיט די אכזריות'דיגע טבע פון די פאלק, נאר עס איז געוואנדן אין כלל ישראל.

**דעריבער** זאגט דער בעל ההגדה: 'שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו', דאס וואס מען פייניגט כלל ישראל, דאס האט בלויז צוטון מיט די דור, לויט ווי אזוי כלל ישראל פירן זיך אויף, לויט דעם קומען די צרות און יסורים פון די אומות העולם. און פונדעסטוועגן פירט מען אויס 'והקב"ה מצילנו מידם' דער אויבערשטער ראטעוועט כלל ישראל אין יעדע מצב. (הגדה של פסח אות ה' ד"ה וכדי לתרץ)

## צוערשט 'מצה' און דערנאך 'מרוד'

**רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר, כָּל שֶׁלֹּא אָמַר שְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֵלּוּ בַּפֶּסַח, לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ, וְאֵלוּ הֵן, פֶּסַח, מַצָּה, וּמָרוֹר** וכו' (הגדה של פסח, פסחים קטו.). רבן גמליאל ברענגט אראפ דער סדר, צוערשט 'פסח', 'מצה', און נאר נאכדעם 'מרור'. לכאורה וואלט דער סדר געדארפט זיין קודם 'מרור' און נאכדעם 'מצה', ווייל מרור איז מרמז אויף די ביטערניש פון די שווערע גלות און שעבוד מצרים, און נאר נאכדעם איז געווען 'מצה' בשעת ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים.

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס ווערט געברענגט אין די מפרשים (סידור האר"י הגש"פ פיסקא 'מצה זו', ש"ך עה"ת שמות יב, יא), אויב וואלט כלל ישראל פארבליבן אביסל לענגער אין מצרים וואלטן זיי פארזינקן געווארן אין די נ' שערי טומאה. דעריבער האט דער אויבערשטער צוגעאיילט די גאולה, און ארויסגענומען כלל ישראל איידער די צייט. אבער וויבאלד זיי זענען ארויס פריער פון די צייט, וועט מען דאס מוזן משלים זיין אין די שפעטערדיגע גליות.

**מיט** דעם קען מען פארשטיין דער סדר פון רבן גמליאל, וואס ער זאגט צוערשט 'מצה' וואס דאס איז מרמז אויף די איילעניש וואס כלל ישראל איז ארויס פון מצרים, און נאר נאכדעם ווערט דערמאנט מרור, וואס דאס איז מרמז אויף די שפעטערדיגע גליות וואס כלל ישראל וועט מוזן ליידן צוליב וואס זיי זענען ארויס פון מצרים איידער די צייט. (פרשת בא אות י"ג ד"ה ונודע)

## כלל ישראל האט מורא פון אן עין הרע

**וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל** (בראשית טו, יד). דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו ביים ברית בין הבתרים, אז ווען כלל ישראל וועט ארויסגיין פון מצרים וועט עס זיין 'ברכוש גדול' מיט א גרויסע פארמעגן און רייכטום.

**עס** שטייט אין חז"ל (ברכות ט.) אויפן פסוק (שמות יא, ב) **דַּבֶּר 'נָא' בְּאָזְנֵי הָעָם**, אין נא אלא לשון בקשה, אמר ליה הקב"ה למשה, בבקשה ממך, לך ואמור להם לישראל, בבקשה מכם, שאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב וכו'. דער אויבערשטער האט זיך געבעטן מען זאל בארגן טייערע כלים פון די מצרים.

**לכאורה** ווען עס קומט צו רייכטום, פארוואס דארף מען זיך בעטן ביי כלל ישראל זיי זאלן עס טון? ווער וואלט עס דען נישט געוואלט טון, אז מען זאל זיך דארפן בעטן ביי כלל ישראל זיי זאלן בארגן טייערע כלים?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (שמות רבה ט, ט) אז כלל ישראל איז זייער רייך געווארן פון מכת דם. און דעריבער האבן זיי נישט געוואלט נעמען נאך געלט, כדי עס זאל נישט שאדן אן עין הרע אויף זייער פארמעגן.

**אזוי** ווי עס שטייט אין חז"ל (פסחים נ:) דער וואס האנדלט מיט גרויסע פעסער וועט נישט זען קיין סימן ברכה, וויבאלד עס איז גרויס און יעדער קען עס זען, און עס קען שולט זיין אן עין הרע אויף זיין פארמעגן.

**און** וויבאלד זיי וואלטן געדארפט אנלאדענען די אלע טייערע כלים וואס זיי האבן געבארגט אויף זייערע בהמות און אזוי דאס ארויסשלעפן פון מצרים, וואס דורכדעם וועט יעדער איינער קענען זען וואס זיי פארמאגן, דעריבער האט משה רבינו זיך געדארפט בעטן זיי זאלן עס יא טון און זיי דארפן נישט מורא האבן פאר אן עין הרע. (פרשת וארא אות ט' ד"ה ובזה, ועיי"ש)

## טענה פון פרעה פארוואס ער יאגט נאך כלל ישראל

**אָ'מַר א'וֹיֵב אֶ'רְדֹּף אַ'שִּׂיג אֲ'חַלֵּק** וגו' (שמות טו, ט). מען קען ערקלערן פשט אין די פינף ווערטער, פארוואס אלע פאנגן זיך אן מיט די אות אל"ף.

**לויט** ווי עס ווערט געברענגט פון אריז"ל (שער הפסוקים פרשת בא) אז כלל ישראל וואלט געדארפט זיין אין גלות מצרים 430 יאר. וואס דאס איז בגימטריא פינף מאל שם אלקי"ם (אלקים איז בגימטריא 86 און 5 x 86 = 430). אבער למעשה איז די קושי השעבוד אין מצרים בלויז געווען פאר 86 יאר (מדרש שיר השירים רבה יא, א), וואס דאס איז בלויז איין מאל שם אלקי"ם (86).

**דעריבער** ווען פרעה האט נאכגעיאגט כלל ישראל, האט ער גענומען די כח און קוראזש, מיט די טענה אז עס איז נישט פארענדיגט געווארן די צייט וואס כלל ישראל דארף ארויסגיין פון מצרים, ווייל זיי דארפן פארבלייבן לויט די מספר פון פינף מאל די שם אלקי"ם, און מיט דעם האט ער גענומען כח נאכצולויפן כלל ישראל.

**דאס** איז מרומז אינעם פסוק, אז פרעה האט נאכגעיאגט כלל ישראל מיט די פינף 'אלפין' וואס איז די פינף מאל אלקים, וועלנדיג טענה'ן דערמיט אז כלל ישראל קען נאכנישט ארויסגיין פון מצרים. (פרשת בשלח אות י"א)

זרע שמשון המבואר
על חמש המגילות
לקראת פסח
לומדים
שיר השירים
המבואר

תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
02-80-80-500
347-496-5657
https://www.zerashimshon.co.il/donation
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
זרע שמשון ע"ר 580624120
וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו